# די סטראשונג פון "חבורת בני תורה" דפלעטבוש

פרייטיג נאכמיטאג עש"ק פ' קרח, זענען די בארא פארקער גאסן פארפלייצט געווארן מיט א "קול ענות חלושה", לאמר, אזוי צו זאגן: אויב דער בארא פארקער וועד העירוב וועט נישט דערקלערן "עד כאן הערוב"!, נאר זיי וועלן צוהעלפן דאס פארשפרייטונג פונעם עירוב א חוץ די גבולים פון בארא פארק, דאן וועלן זיי, די חבורת בני תורה דפלעטבוש, צוברעכן דעם בארא פארקער עירוב מיט אלע אירע בעקאפס.

ליינענדיג די ראשענדיגע נייעס, האבן זיך אלע אונזערע הערצער פשוט דערפרייט. ב"ה אז דער פראנט פון די בראוטאלע מלחמת העירוב איז שוין מער נישט אין בארא פארק. דער פראנט איז שוין מחוץ לגבולינו. דאס גופא איז ב"ה א געוואלדיגער דערגרייכונג.

אבער נאך איידער מיר גייען ווייטער, מוז דא תיכף באטאוינט ווערן, אז חאטש מיר האבן גרוים הנאה פון די הרחבת גבולי הקדושה, האט דער פאסטער-וועבסטער געגענט אן איגענעם "וועד העירוב" פון דארטיגע לאקאלע עסקנים, וואס דארפן ב"ה גארנישט אנקומען צו סיי וואס פאר א הילף פון דעם בארא פארקער וועד העירוב. און ווי מיר ווערן געוואויר, קענען זיי זיך אליין באשטיין זייער איגענעם שטעטל, פיל בעסער פון אונז. אזוי ווייט אז אין דעם לעצטען שבת קודש זענען דארטן געווען "דלתות נעולות" ממש...

אפילו זייער'ס א "ינוקא" איז אויך מלא טעם. ער האט אויסגעטראפן אז די ראשי תיבות פון רש"ע, איז: שפיגל רייסט עירובין.

און יעצט לאמיר באהאנדלען די סטראשונג פון די אזויגערופענע "חבורת בני תורה דפלעטבוש", וואס ס'האט זיי אנגעכאפט אזא סארט פינסטערע קנאות קעגן עירובין, חאטש קיינער צוואונגט זיי נישט צו נוצן דעם עירוב. דארף מען דאך פארשטיין, וואס שטעקט דערין? פארוואס ווערן עפים אזוי ווילד, ווען זיי הערן דאס ווארט "עירוב"?

דער ענפער דערויף שטייט אין ספרים הקדושים, אז ווען ס'כאפט איינעם אהן א התלהבות צו א געוויסן ענין, און ער ווייסט נישט צו די התלהבות שטאמט מצד הקדושה, אדער חלילה פארקערט. דארף ער זיך מתבונן זיין ווי אזוי ער גייט צו בכלל, צו אנדערע מצוות. אויב אנדערע ענדליכע מצוות מאכט ער אויך מיט א התלהבות, דאן קען דאס אויך זיין מצד הקדושה, און אויב נישט, איז די התלהבות מצד היפך הקדושה.

אט די סארט התלהבות'דיגע "שנאה" צו אן עירוב מצד די "חבורת בני תורה" זאגט שוין אלעם אליין. לאמיר זעהן למשל דער ענין פון נוצן א "שבת זייגער", וואס לויט הגאון רבי משה זצ"ל'ס פסק איז דאס "חילול שבת" ר"ל. און נישט נאר וואס מ'זעהט זיי נישט ארומלויפן אויסרייסן אלע שבת זייגערס פון די פלעטבוש'ער בתי מדרשים, נאר זיי אליין טוען גאנץ פיין און געשמאק געניסן דערפון.

אזוי אויך זעהן מיר נישט די "חבורת בני תורה דפלעטבוש" זאלן מוחה זיין קעגן די וואס "שעיוון זיך די בארד", דארט ווי רובא דרובא פון גדולי ישראל, אריינגערעכנט דער חפץ חיים און הגאון רבי אהרן זצ"ל, האלטן קלאר אז די היינטיגע רעזיר-מאשינען זענען "תער דאורייתא", וואס דערמיט איז מען יעדען טאג עובר אויף 5 לאווין, ר"ל. נישט נאר וואס זיי זענען נישט מוחה דערויף, נאר זענען רואיג מצרף למנין די מגולחי זקן בתער.

איז פארוואס טאקע, כאפט זיי אהן דאס קדחת דווקא ביי דעם ענין פון א עירוב, און ספעציעל ווי קיינער צוואונגט זיי נישט מטלטל צו זיין?

וואס ארט זיי אזוי, אז אנדער חשוב'ע מורי הוראה בישראל, פסק'ענען לויט זייער מסורה בהוראה מדור דור? וואו נאך איז געהערט געווארן אזא מין חוצפה, ארויפצו צוואונגען זייער דעת אויפן גאנצן ציבור וואס האבן ב"ה זייערע איגענע חשוב'ע באקאנטע מורי הוראות, אין פארלאזן זיך אויף זיי אין אלע שאלות זייערע פון איסור והיתר.

על ברוך מוז מען זאגן, אז דא האנדעלט זיך גארנישט איבער א הלכה שאלה. דא זעהן מיר עין בעין אז זייער גאנצער התלהבות'דיגע מלחמה קעגן אן עירוב, איז גאר א מלחמה "שורשית" צווישן חסידים און מתנגדים.

כידוע איז דער דרך ההוראה פון גדולי החסידות לגבי תיקון עירובין, גאר אנדערשט פון דער ליטווישע דרך, און ספעציעל פון דער וואלאזשינער חדר.

די צוויי דרכים טיילן זיך בשורשם צווישן תלמידי הבעש"ט הק' און תלמידי הגר"א ז"ל. פון איין זייט זעהן מיר ווי הרה"ק ר' אהרן קארלינער זי"ע ברענגט בשם הבעש"ט אויפן פסוק אין חבקוק (ג-יב) בזע"ם תצעד ארץ, דאס זענען די דריי הויפט יסודות וואס מען דארף זיך דערויף פארלייגן מתקן צו זיין, זביחה (שחיטה), עירובין (שבת) מקוואות (טהרה). לעומת זה האט דער גר"א ז"ל מחמיר געווען גארנישט צו טראגן אום שבת אין די קעשענעס, און אפילו זיינע בני הבית האט ער נישט געלאזט טראגן קיין תכשיטים אינעווייניג אין שטוב (מעשה רב ושערי רחמים).

כידוע האט דער גרויסער גאון בעל משכנות יעקב, א תלמיד פון רבי חיים וואלאזשינער ז"ל שטרענג מחמיר געווען בכמה דיני עירובין, דערמיט איז ער ארויס קעגן מנהגן של ישראל. ער האט אוועק געשיקט זיינע תשובה צום גאון הדור הגה"ק רבי אפרים זלמן מרגליות ז"ל בעל שו"ת "בית אפרים", וואס חאטש ער איז נתפעל געווארן פון זיין געוואלדיגע "לומדות", אבער "הלכה למעשה" האט ער בשום אופן נישט אנגענומען זיינע נייע חומרות, טענה'נדיג אז מיר קענען נישט גיין קעגן דעם אור אלטן מנהג ישראל. מיר קענען נישט גיין קעגן דעם שולחן ערוך מיט זייער מגיני ארץ, דער מגן אברהם מיטן טו"ז, וואו דער "משכנות יעקב" איז חולק אויף זיי.

דער "בית אפרים" דרוקט זיך אויס אין זיין תשובה "הרא"ש מדעתו, דעת תורה ודעת נוטה, ויגזר אומר ויקם לעשות תיקון צורת הפתח, וצווח כברוכיא שלא להכשיל את הרבים בביטול תיקון זה".

על דרך זה שרייבט הגה"ק רבינו שמואל אבוהב ז"ל פאר מער פון 300 יאהר צוריק בזה"ל, "כמה עמקו מחשבות רבותינו ז"ל הרועים הקדמונים להרים מכשול מבני עמינו, למען יטב להם לטלטל חפציהם ממקום למקום בהיתר ולא באיסור".

אין די צוויי יסודות'דיגע דרכים, ווערן צוטיילט די חסידישע צוזאם מיט די אשכנזי'שע מורי הוראות, לגבי א חלק פון די ליטווישע.

דאס קענען מיר אויך זעהן פון ווי אזוי הגה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע האט באהאנדעלט דעם ווארשא'ווער עירוב שאלה. מיט וואס פאר א קולות ער האט זיך באנוצט אלץ כדי ס'זאל דארט זיין אן עירוב. ווי ער שרייבט אין זיין תשובה (סי' ד') "איני יודע למה רום מעלתו מחפש אחר חומרות בדבר...שנהגו היתר ע"פ זקנים". עס איז מערקווירדיג וואס כ"ק האדמו"ר "בית ישראל" זצוק"ל האט פארציילט, אז זיין עלטער זיידע דער "חידושי הרי"ם" האט אליין מקפיד געווען צו טראגן אין ווארשא, כדי ער זאל זיין א "מודה בעירוב".

דעם דרך, זעהן מיר אויך ביי הגה"ק מסאכאטשוב בעל "אבני נזר" זי"ע, ווי ער שרייבט אין זיין תשובה (או"ח סי' רס"ו) "והמתעקש בזה ומונע מלהעמיד העירובין, הוא מחטיא את הרבים ועתיד ליתן את הדין, ושמח לבי שלמעשה לא מלאה לבם של המתעקשים מלהפריע את המעמידים העירובין ממעשיהם".

עס איז באקאנט ווי ווייט האט זיך מוסר נפש געווען דער קאליש'ער רב הגאון בעל "נפש חיה" קעגן די משכילים מיט די מתבוללים אין שנת תרל"ח, וואס האבן לוחם געווען און צוריסן די עירובין אין גאנץ פוילין. די אלע פרטים זענען געדרוקט אין ספר "שם ושארית לנפש חיה" (בחלק התולדות עמ' 22).

קומען זיך היינט די "חבורת בני תורה דפלעטבוש" צוזאמען מיט די שפיגעל תכשיטים, מיט זייערע סטראשונקעס, אויסלערנען אונז "דרכי הוראה" כאילו אונזערע "מורי הוראה מובהקים" זענען עפים היינט געבוירן געווארן.

אונזערע מורי הוראה ווייסן אויך פונעם רשב"א וואס איז מחמיר לגבי פלטיא, וואס הגאון בעל "אגרות משה" נעמט עם אהן לחומרא. אבער אונזערע מורי הוראה האבן א אנדערע מסורה אין זייער דרך הוראה, אז א ראשון וואס ווערט נישט געברענגט אין ב"י און אין שו"ע, פסק'ענט מען נישט ווי עם להלכה. און דאס איז נישט נאר לגבי הלכות עירובין, נאר לגבי אלע סארט שאלות פון איסור והיתר. קיינער פון אונז האט גארנישט אנטקעגן זיי וואס ווילן אננעמען די חומרת הרשב"א. זיי ווילן נישט מטלטל זיין מיט אונזער עירוב, זאלן זיי נישט. קיינער צוואונגט זיי נישט. אבער מיר מוזן פון זיי נישט לידן. מיר האלטן זיך נישט בשום אופן ביים אינטערגעבן אויפגעבן אונזער הייליגע מסורה.

לידער זענען מיר מחוייב משיב צו זיין מלחמה שערה אויף זייערע אומפארשעהמטע פאשקעווילן קעגן אונזערע חשוב'סטע מורי הוראות. וואס במשך די גאנצע תקופה האבן זיי פראבירט אינטערצוגראבן די הויכגעשעצטע אויטאריטעט פון רוב בארא פארק'ער מורי הוראות. פאשקעווילן איז קיין דרך נישט. מיר האבן קיינמאל נישט רעאגירט, נאר אלץ אן ענפער נאכדעם ווי זיי האבן טערארעזירט רבנים, אדער צוריסן דעם עירוב. יעצט זענען מיר לידער ווייטער געצוואונגען צו ענפערן זייערע פאשקעווילן וואס ווערן פארשפרייט פון טיער צו טיער, און רופן ארויס (אידלערהייט!) "טעראר אקציעס" קעגן דעם רוב הציבור וואס זענען סרים למשמעת חשובי מורי ההוראה דשכונתינו.

עס איז קלאר ווי די טאג, אז זייער עקסטרעמע "שנאה" איז נישט צו דער בארא פארקער עירוב. זייער בראוטאלע שנאה איז קעגן כלליות מצות עירובין, בכל מקום שהוא. ווי עס איז שוין דערמאנט געווארן פריער, אז איינצעלע ראשי הלוחמים, האבן לוחם געווען בחירוף נפש אין שטוב פון הגאון רבי משה זצ"ל, אויך קעגן דעם עירוב אין "קיו גארדענס הילס". דאס וואס ס'איז זיי נישט געלונגען, איז נאר צוליב דעם וואס האבן זיך דארט געפונען די וואס האבן לוחם געווען אנטקעגן זייערע שקרים בבית הגאון רבי משה זצ"ל, און עס איבערצייגט אז אין די דארטיגע שכונה איז נישט פארהאן קיין ס' רבוא, און אז די גרויסע הייוועים ווערן נישט אריינגענומען אין דעם שטח פונעם ארומגענומענעם עירוב.

מיר זענען היינט גוט אינפארמירט, אז די זעלבע לוחמים האבן אויך מלחמה געהאלטן קעגן דעם עירוב אין "פאר ראקאוועי", מיט די אלע בעקאנטע סטראשונקעס זייערע. דארט איז זיי אויך נישט געלונגען צו שטערן דעם עירוב פון הרה"ג ר' אברהם בלומענקראנץ שליט"א, אליין א תלמיד מובהק פון הגאון רבי משה זצ"ל. עס איז אומבאשרייבליך די שרעקליכע טעראריסטישע סטראשונגען וואס ער איז דאן אריבער, ווי אויך די פרעשע וואס זיי האבן געלייגט קעגן דעם דארטיגן עירוב אין שטוב פון הגאון רבי משה זצ"ל, וואו דער "וואסמאן" האט דאן געהאט א אפענער טיר, זייענדיג א חברותא מיט ר' מרדכי טענדלער.

און נישט נאר וואס זיי האבן געהאט אן אפענע טיר, נאר זיי האבן אויך "פארשפארט" די טיר, מיט כל מיני תירוצים, פאר "אומגעוואונשענע" רבנישע וויזיטערס, ווען זייער חוש הריח האט דערשמעקט אז זיי זענען א סכנה צו זייער מלחמת העירוב, אויב הגאון רבי משה וועט חלילה געוואויר ווערן פון זיי אז די פאקטן זענען גאר אנדערשט פון וואס זיי האבן עם פארגעשטעלט. דערפאר האבן זיי קאנטראלירט אפילו דעם טעלעפאן, ס'זאל נישט קענען אנקומען צו רבי משה זצ"ל "אומגעווינשנע" אינפארמאציעס פון רבנים גדולי תורה, והדברים עתיקין.

אינטערעסאנט, אז לגבי כרך ח' פון אגרות משה, האבן דאך אסאך בני תורה פקפוקים, האלטענדיג אז א חלק דערפון עכ"פ, זענען בוודאי "אגרות מרדכי". אבער וועהן מ'רעדט לגבי עירובין, דארט ווערט פלוצים דער גאנצער כרך ח' בשלימותו תורת משה מסיני.

לאמיר אליין זעהן. אין תשובה (כרך ח' או"ח ח"ה סי' כ"ח ענף ב' אות ה') שטייט אז פלעטבוש אליין האט ס' רבוא מענשן אין די גאסן, וואס לויט רבי משה'ס מיינט דאס 3 מיליאן איינוואוינערס. אויך שטייט דארט אז בארא פארק אליין פארמאגט 3 מיליאן איינוואוינערס, און דערפאר טאר מען נישט

מאכן אן עירוב, סיי אין פלעטבוש, און סיי אין בארא פארק. פרעגט זיך די פראגע, האט דען הגאון רבי משה זצ"ל אליין געשריבן די פאנטאסטישע גוזמאות, אז די צוויי אידישע שכונות, וואס זענען צוזאמען וויניגער פון א פערטל שטח פון גאנץ ברוקלין, זאלן האבן 6 מיליאן איינוואוינער? וואס לויט דעם חשבון, וואלט דאך גאנץ ברוקלין בעדארפן צו פארמאגן 25 מיליאן איינוואוינער. אין די צייט וואס גאנץ ברוקלין באזעצט אפילו היינט נישט מער פון 2.4 מיליאן איינוואוינער...

דער תירוץ דערויף איז: ניין! די ווערטער זענען ארייגעשמאגעלט געווארן דורך ר' מרדכי טענדלער מיט זיין חברותא וואסמאן. דאס קענט איר זיך אליין איבערצייגן, ווייל די דאזיגע תשובה (אין כרך ח') איז פון ב' אדר ראשון תשמ"א. זיי האבן זיך אבער נישט געכאפט, אז רבי משה זצ"ל האט 2 יאהר פריער געשריבן אין כרך ו' (או"ח ד' סוס"י פ"ח) ביום ד' שבט תשל"ט, וז"ל "עתה נודענו במפה שניתן מהעיריה (הסיטי) ונמצא שכל ברוקלין הוא רק י"ב מיל על י"ב מיל וקצת יותר, ודרים בה בקביעות קרוב לשלשה מיליאן"...

פון דעם אליין זעהן מיר קלאר, ווען די העדער האבן דא שולט געווען בכתבי אותו גאון וצדיק. און נאר זייער "שנאה כבושה" צו אן עירוב, האט אזוי ווייט מקלקל געווען את השורה, אז מ'קען פשוט דערגיין זייערע פעלשונגען אפילו פון די שורות אליין.

און אז מ'רעדט שוין פון שליטת ידי זרים, איז כדאי צו דערמאנען נאך א תשובה פון רבי משה זצ"ל וועגן א בלינדע פרוי ל"ע, צו זי מעג ארויס גיין שבת מיט א שטעקן אויף די גאס. די תשובה איז צום ערשטן מאל געדרוקט געווארן אין שנת תשמ"ד אין קובץ "עם התורה" פון אגודת ישראל (חלק י"א). דארט שרייבט ארויס רבי משה זצ"ל "אודות אשה סומית בבארא פארק", און דארט פירט ער אויס להלכה בזה"ל "וכבר נתפשט להיתר שלא שייך למחות וכו', ובפרט אצלינו בזה"ז, שכמעט ליכא רה"ר גמור האסור מדאורייתא"... די דאזיגע תשובה ווען זי איז שפעטער געדרוקט געווארן לאחר פטירתו אין שו"ת אגרות משה (כרך ח' או"ח סי' י"ט), זענען צענזורירט געווארן דערפון נישט מער ווי די 2 ווערטער "בארא פארק", פארשטייט זיך... וד"ל.

אויך געפונען מיר באהאלטן צווישן די שורות זעהר א וויכטיגע הוראה הנוגע לעניננו ממש, וואס דער יד הצענזור האט עס מסתמא פארזעהן. הגאון רבי משה זצ"ל אליין מאכט א קלארן חילוק צו מ'מאכט אן עירוב אויף א גאנצע גרויסע שטאט, און צווישן וואו מ'איז מתקן א צורת הפתח נאר ארום א קליינע אידישע שכונה, ווי רבי משה זצ"ל אליין איז דאס מתיר אין כרך ח' (סי' כ"ח ענף ב' אות ה'), וז"ל "ובשאר הכרכים [הגדולים] לא היו עירובין אלא בחלק קטן בהעיר, מקום שדרו שם רוב היהודים ושם לא הי' ס' רבוא".

דעם קלארן חילוק מאכט אויך הגאון בעל שו"ת "מהר"י שטייף" זצ"ל מלפנים אב"ד בודאפעסט וקע"י דוויען. חאשט ער אליין איז מבאר אין זיין תשובה (סי' פ"ח) אז מצד הדין קען מען מאכן אן עירוב אפילו אויף גאנץ ברוקלין, ווייל איז היינט נישטא קיין רה"ר דאורייתא נאר א כרמלית, צוליב די "מחיצות הבתים" פון די הייזער וואס זענען היינט אויסגעשטעלט "עומד מרובה על הפרוץ".

און ווען מ'רעדט פון "מחיצות הבתים" איז אויך כדאי צו דערמאנען דעם פסק הלכה פון הגה"צ מטשימפא רב זצ"ל אין שו"ת "תפארת אדם" ווי ער איז חוזר פון זיין איסור צו מאכן אן עירוב אין ניו יארק (וואס די זייפנים האבן געדרוקט), וז"ל חזרתו (באו"ח סוף סי' י"א) "יען דשוק אחד אין ס' רבוא בוקעין, כי בכל שוק ושוק מפסיק שורה של חומה בתים גדולים וגבוהים, וקי"ל גבוה י' ורחב ד' מפסיק, א"כ במקום אחד אין כאן ס"ר בוקעין כידוע, ע"כ לא מקרי רה"ר, ובדרבנן יש להקל" [וכ"ש ע"י צוה"פ].

און אויב עס איז נאך געבליבן ביי עמיצער עפיס א "ספק", איז כדאי צו ברענגען א פסק הלכה פון הגאון רבי משה זצ"ל (או"ח א' סי' קפ"ו) וז"ל, "פשוט שאם עושין ע"פ הוראה, אין לו שום חטא, אף אם ההלכה שלא כמותו, כל זמן שלא עמדו למנין בקבוץ כל חכמי הדור ונפסק שלא כמותו וכו', ולכן אין לחוש למה שאסרם גאון אחד". איז דאך אוודאי און אוודאי ווען מ'פארלאזט זיך אויף א הוראה פון רוב מורי הוראה דשכונתינו.

ורק אם יבוא המשך מצדם, המשך יבוא מצדנו לקיים:

# "ואשיבה חרפי דבר!"